LES CAHIERS YIDDISH

Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ייִדישע העפטן




DEVI TUSZYNSKI
"LIVRE DES PSAUMES"
Muzeum Mazowiecki. Plock/Pologne

דוד טושינסקי
"ספר תהלים"
מוזיי פון מאַזאָוויעצק.
פלאָצק / פוילן 1999.

n° 122 FEVRIER 2008 פעברואַר prix : 5 euros

Revue diffusée avec l'aide de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

**מאַקס קאָהן** /פּאַריז
לאַורעאַט פון "פּריז מאַקס צוקיערמאַן" 2006.
פּסיכאַנאַליסט און מחבר פון אַ צאָל ביכער צווו.:

•*Freud et le yiddish : le préanalytique* (Bourgois, 1982),
•*L'inconscient du yiddish,* en collaboration avec Jean Baumgarten. Collaboration technique d'Anne Akoun, Paris, Anthropos Economica, 2003.
•*Yiddishkeyt et psychanalyse. Le transfert à une langue.*
Sous la direction de Max Kohn, Paris, MJW Fédition, 2007.
•*Traces de Psychanalyse. (Lambert-Lucas, Limoges, 2007)*




**איזיי שערף**
"פינף פינגער און אַ ביסל שרעק"
ישראל. אָקטאָבער 1991.

# פאָרשן ייִדיש אין אוניווערסיטעט!

צי ס'איז מעגלעך צו פאָרשן וועגן ייִדיש און פּסיכאַנאַליז אין היגן אוניווערסיטעט? דאָס איז אַ זייער אַ זייער שווערע שאלה. איך ווייס נישט צי איך וועל קענען ענטפערן. אוודאי דאַרף מען קודם-כל זאָגן, אַז קיינער האָט מיר, אין אמתן געזאָגט, נישט געשטערט צו פאָרשן וועגן ייִדיש אָבער איך דאַרף אויך דערקלערן אַז מען האָט מיר זיכער נישט געשטיצט. פאַרוואָס? דאָס איז נישט בלויז אַ פּערזענלעכע פראַגע; עס האַנדלט זיך וועגן מענטשלעכע ענינים און עס איז די זעלבע זאַך אומעטום, אָבער די צרה מיט ייִדיש איז אַ סך ערנסטער. ס'זענען מענטשן וואָס ווייסן אַפילו נישט וואָס דאָס איז, ספּעציעל אונדזערע באַרימטע פּסיכאַנאַליסטן. טאָמער מען מיינט, אַז מען איז אַ פּסיכאַנאַליסט, איז עס פּאַסקודנע; אַז מען גייט אַרויס פון דעם קאַבינעט (פון אַ פּסיכאַנאַליסט) איז מען אַ מענטש ווי אַלע אַנדערע : נישט מער און נישט ווייניקער.

אָן אַנדערע זאַך געהערט צו ייִדיש. ייִדיש איז אַ מאָדנע שפּראַך פאַר גייסטיקע מענטשן און ווען זיגמונד פרויד רעדט דייטש, ווער קען פאַרשטיין אַז ער האָט געהערט די ייִדישע שפּראַך? ער האָט געהערט ווי אַ מענטש רעדט אין אַ שפּראַך און ווי ער איז אויך שטים אין אַ שפּראַך, און דאָס איז די גאַנצע מעשה. איך וויל דאָ באַגריסן די "ייִדישע העפטן", קלאָד האַמפּעל און דעם "צערקל בערנאַר לאַזאַר" וואָס האָבן מיר תּמיד געשטיצט. אַ לאַנג לעבן אונדזערע טייַערע ייִדישע שפּראַך!

פּאַריז, 30טן דעצעמבער 2007.